

# אייער בעיבי דארף נאך א הערן סקרינינג

**אייער בעיבי האט אן אפוינטמענט פאר זיין קומענדיגע הערן סקרינינג:**

אייער בעיבי'ס נאמען ______________________________

אויער דאקטער'ס נאמען ______________________________

אויער דאקטער'ס טעלעפאן נומער ______________________________

אויער דאקטער'ס אדרעס ______________________________

אפוינטמענט דאטום ______________________________

אפוינטמענט צייט ______________________________

ביטע רופט אייער בעיבי'ס העלט קעיר פראוויידער אדער אודיאלאג - אויערן דאקטער (א הערן קעיר ספעציעליסט) אויב איר דארפט ריקן אייער אפוינטמענט צו אן אנדערע צייט. די הערן סקרינינג אדער ווידער-סקרינינג זאל ווערן געמאכט ווען אייער בעיבי איז *1 מאנאט* אלט.

## פארוואס דארף מיין בעיבי נאך א הערן סקרינינג?

אט זענען אפאר סיבות פארוואס געוויסע בעיביס קענען דארפן נאך א סקרינינג:

- **ס'זענען געווען צופיל קולות אין די טעסטינג צימער**
- **די בעיבי האט געהאט נאסקייט אין זיין אויער**
- **די בעיבי האט זיך אסאך גערוקט בשעת די סקרינינג**
- **די בעיבי האט הער-קראפט פארלוסט**

מערסטנס בעיביס וואס דארפן נאך א הערן סקרינינג האבן א געווענליכע הער-קראפט, אבער אפאר בעיביס האבן הער-קראפט פארלוסט. א נאכפאלגנדע הערן סקרינינג איז נויטיג כדי אויסצוגעפונען.

## פארוואס איז אזוי וויכטיג צו האבן נאך א הערן סקרינינג די שנעלסטע מעגליך?

די נאכפאלגנדע הערן סקרינינג איז די איינציגסטע וועג צו וויסן אויב אייער בעיבי האט הער-קראפט פארלוסט. דורכאויס די הערן סקרינינג, וועט א טרעניררטע העלט קעיר ארבעטער אדער אויערן דאקטער נוצן געצייגן אויסצופרואוון אייער בעיבי'ס הער-קראפט. די הערן סקרינינג וועט נישט ווייטון אייער בעיבי.

ווי שנעלער הער-קראפט פארלוסט ווערט אידענטיפיצירט, אלס שנעלער קען אייער בעיבי באקומען די סערוויסעס זיך אויסצולערנען קאמיוניקאציע פעאיגקייטן אזוויו רעדן און שפראך.

אויב אייער בעיבי האט הער-קראפט פארלוסט, זענען דא צו באקומען אסאך הילפס-מיטלען פאר אייער בעיבי.

פאר מער אינפארמאציע: **health.ny.gov/EHDI**

NEW YORK STATE | Department of Health